# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


# פניני השבוע

## פ' כי תצא


**כיתה ב' (א-ב)**

**הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו**

**הר"ר משה ברוך כץ הי"ו**

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

## די וואך האבן מיר געלערנט

**חומש:** פרק כ"ב פון פסוק א' - 12 פסוקים

**חומר שבועי:** די אינהאלט פון די וואך איז בייגעלייגט אין דעם גליון.

**מושגים:** מיר האבן ארומגערעדט די ענינים פון: השבת אבידה, שילוח הקן, מעקה, ציצית.

**הלכה:** מיר האבן געענדיגט די ל"ט מלאכות, מחתך, הכותב, און המוחק.

**סיפורים:** מיר שיקן א "דף לקריאה" א מעשה, די קינדער זאלן עס ליינען במשך'ן שבת.

**מיוחד להשבוע:** נישט פארגעסן צוריק צו ברענגען זונטיג די "מעשה ביכל".

**א גוט שבת**

**המלמד**

# אינהאלט פון די וואך

**<u>בכור</u>**

מיר האבן מסביר געווען פאר די קינדער וואס מיינט א בכור, די ערשטע קינד פון א מענטש ווערט אנגערופן "בכור" און ער באקומט צוויי חלקים פון די ירושה פון די טאטע..

**<u>מצות השבת אבידה</u>**

מיר האבן מסביר געווען אז ווען א מענטש טרעפט א אבידה וואס האט א סימן, דארף עס אויפהייבן און עס אויסרופן, ער דארף לייגן צעטלעך "השבת אבידה" אז ווער עס האט פארלוירן די זאך זאל קומען צו אים און ער וועט עס צוריק געבן מיט סימנים, און אויב ער האט געטראפן א אקס אדער א אייזל דארף ער עס אריינגעמען צו זיך אין שטוב און איר געבן צו עסן און טרינקען (מיר האבן פארגעשטעלט פאר די קינדער דוגמאות פון השבת אבידה וואס מאכט זיך טאג טעגליך אין חדר).

אין די צייטן וואס די בית המקדש איז געשטאנען פלעגט מען אויסרופן 3 ימים טובים אין ירושלים אויפן "אבן הטוען", און היינטיגע צייטן רופט מען אויס מיט מודעות און מ'געבט עס צוריק נאר מיט א סימן.

מיר האבן פארציילט פאר די קינדער די מעשה פון רבי חנינה בן דוסא, וואס האט געטראפן ביי זיין חצר הינדלעך און ער האט זיך אפגעגעבן מיט דעם מיט גרויס איבער געגעבנקייט

**<u>הקם תקים עמו</u>**

אז מ'זעהט א אייזל פון א חבר פאלט אראפ אויפן וועג, דארף מען העלפן עס אויפצוהייבן, און די מצוה איז דוקא נאר אויב דער בעל הבית העלפט אים, אבער טאמער דער בעל הבית גייט זיך אין א זייט און ער זאגט אז ער זאל עס מאכן אליין, דעמאלטס איז ער פטור.

מיר האבן עס פארגעשטעלט פאר די קינדער, אויב מ'גייט אויפן גאס און מ'זעהט אז עס איז אראפ געפאלן פאר איינעם א זעקל אנגעפילט מיט פארשידענע זאכן איז דא א מצוה אים צו העלפן און אויפהייבן.

**<u>שלח תשלח את האם</u>**

מיר האבן מסביר געווען פאר די קינדער די מצוה פון שילוח הקן, אויב מ'זעהט א מאמע טויבעלע זיצט אויף איהרע קינדער, איז דא א מצוה אוועק צו שיקן די מאמע קודם און נאכדעם נעמען די קינדער, און אויב מ'איז מקיים די מצוה זאגט דער אייבישטער צו א גרויסע שכר אז מ'וועט לעבן לאנג.

**<u>ועשית מעקה לגגיך</u>**

עס איז דא א ספעציעלע מצוה וואס דער אייבישטער האט געהייסן מ'זאל לייגן א גדר אויפן דאך, אז מ'זאל נישט אראפ פאלן חלילה.

**<u>ריבית</u>**

מיר האבן מסביר געווען וואס מיינט "ריבית", אויב איינער זאגט פאר זיין חבר בארג מיר געלט 100 שקל און איך וועל דיר באצאלן אביסל מער 105 שקל, דאס טאר מען נישט, ווייל ס'הייסט ריבית.

**<u>מצות ציצית</u>**

מי האבן ערקלערט פאר די קינדער אז עס איז דא א מצוה צו גיין אנגעטוהן מיט ציצית, דאס מיינט א אויב איינער האט א קלייד וואס האט פיר עקן דארף מען ארויפלייגן אויף דעם ציצית, אויך טאר מען נישט גיין מיט ציצית וואס איז פסול, און מ'פירט זיך צו קישן די ציצית ביי ברוך שאמר, און ביי קריאת שמע ביי די פרשה פון ציצית.

# שאלות מיט תשובות

**א. וואס מיינט דאס א בכור? און וואס באקומט ער?**

א בכור מיינט דער וואס איז געבוירן געווארן דער ערשטער. און ער באקומט צוויי חלקים פון די ירושה.

**ב. ווי אזוי פלעגט מען אויסרופן א אבידה אין די צייט וואס די בית המקדש איז געשטאנען?**

מ'פלעגט עס אויסרופן 3 ימים טובים אין ירושלים אויפן "אבן הטוען".

**ג. ווי אזוי רופט מען אויס א אבידה היינטיגע צייטן?**

מ'הענגט אויף צעטלעך פון "השבת אבידה".

**ד. ווי אזוי געבט מען צוריק א אבידה פאר איינער וואס זאגט אז עס איז זיינס?**

מ'געבט צוריק נאר ווען יענער געבט א סימן.

**ה. אויב איז אראפ געפאלן פאר איינעם פעקלעך ווען דארף מען אים העלפן?**

נאר אויב דער בעל הבית העלפט אים אויך צו אויפהייבן.

**ו. ווי אזוי איז מען מקיים די מצוה פון שילוח הקן?**

מ'שיקט אוועק די מאמע ווען זי זיצט אויף אירע קינדער, און נאכדעם נעמט מען די קינדער.

**ז. וואס איז די שכר וואס דער אייבישטער באצלט אויפן מקיים זיין די מצוה פון שילוח הקן?**

אז מ'וועט לעבן לאנג.

**ח. וואס מיינט דאס "ריבית"?**

איינער בארגט פאר זיין חבר 100 שקל און ער געבט אים צוריק 105 שקל

**ט. אויף וועלכע קליידער דארף מען לייגן ציצית?**

אויף א קלייד וואס האט פיר עקן.

# כט. מחתך



מ'טאר נישט צושניידן די הויט פון די בהמה אויף די לענג אדער אויף די ברייט.די זעלבע זאך טאר מען אויך נישט צושניידן קיין פאפיר אין שבת.

# ל. הכותב



מ'טאר נישט שריבין אין שבת צוויי אותיות, אזוי ווי מ'האט געשריבן אין משכן אויף די קרשים. און אזוי אויך אז ס'איז דא פארע אויף די פענסטער טאר מען נישט שרייבן מיט די פינגער אויף דעם. די זעלבע זאך טאר מען נישט צוזאמשטעלן א פאזעל אין שבת.

# לא. המוחק



מ'טאר נישט שבת אויסמעקן צוויי אותיות. אזוי אויך ווען מ'עפנט א גוטע זאך וואס האט א פאפיר וואס איז אויפגעשריבן אויף דעם ווערטער טאר מען נישט צורייסן די פאפיר דארט וואו ס'איז דא די אותיות.

און די זעלבע זאך איז א עוגה וואס האט אותיות טאר מען נישט שניידן אין די אותיות

נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ____________ ני"ו**

**חומש:** ____________________

**סיפר פרשת השבוע:** ____________________

**שירים:** ____________________

**נושא השבוע:** ____________________

**ברכת המזון:** ____________________

**התנהגות כללית:** ____________________

**קר"ש שעל המיטה:** ____________________

**התפלל:** ____________________

**הערות:** ____________________

**חתימת ההורים** ____________________